**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו באשיצן פובליק געזונטהייט, פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין סאפאלק קאונטי

***לעגיסלאציע S.8473/A.8993 טוישט די סאפאלק וואסער קוואליטעט איבערמאכן אקט***

***שטופט פאראויס רעפערענדאם צו באצאלן לאנג לערמיניגע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער פאר סאפאלק קאונטי***

גאווערנער האקול האט היינט אונטערגעשריבן די סאפאלק וואסער קוואליטעט איבערמאכן אקט צו באשיצן פובליק געזונטהייט און פארבעסערן וואסער קוואליטעט. לעגיסלאציע S.8473/A.8993 וועט ערלויבן סאפאלק קאונטי פאראויס צו שטעלן א בעלאט רעפערענדאם וואס וועט באצאלן לאנג טערמיניגע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער סיסטעמען און טעכנאלאגיע - איבערמאכן אפפאל וואסער אינפראסטרוקטור פאר די איינוואוינער פון סאפאלק קאונטי.

"צוטריט צו ריינע וואסער איז אן אלגעמיינע געברויך, און עס קומט זיך פאר איינוואוינער פון סאפאלק קאונטי זיכערע און פארלעסליכע וואסער אינפראסטרוקטור," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין פארפליכטעט צו באשיצן די געזונט פון אלע ניו יארקער, און די ביל איז א צוזאג צו צוקונפטיגע דורות אז מיר וועלן טון אלעס וואס מיר קענען צו באשיצן אייער וואוילזיין."

לעגיסלאציע S.8473/A.8993 וועט מאכן טוישונגען צו די לאקאלע איינקונפט אויסטיילונג פאר אינדיווידועלע סעפטיק סיסטעם און אפפאל וואסער באהאנדלונג פראיעקטן. די לעגיסלאציע וועט העלפן אדרעסירן שטרויכלונגען צו האויזינג אנטוויקלונג און פארמינערן נייטראדזשען ארויסרינונג פון לאקאלע סעפטיק סיסטעמען, דערביי אפהיטן די קוואליטעט פון די וואסער וואס מען טרונקט, פארמינערן שעדליכע אלדזשי פלאנצונגען, און באשיצן לאקאלע עקא-סיסטעמען.

מיטן אונטערשרייבן די ביל היינט בויט דאס אויפן גאווערנער'ס רעקארד אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער. גאווערנער האקול האט געמאכט איבערפרישן ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פאר א הויפט ציל, מיט אינוועסטירונגען לענגאויס די סטעיט אין סך הכל פון $5.5 ביליאן זינט 2017, פון וועלכע $700 מיליאן איז אינוועסטירט געווארן אויף לאנג איילענד, אריינגערעכנט $66.1 מיליאן פאר די סטעיט סעפטיק סיסטעם ערזעצונג פראגראם.

**סטעיט סענעטאר מאניקא ר. מארטינעז האט געזאגט,** "היינט, האבן מיר געגעבן די אויטאריזאציע פאר די ווילער פון סאפאלק קאונטי צו באשליסן וויאזוי איז די בעסטע וועג צו אדרעסירן די ווירקונגען פון נייטראדזשען פארפעסטיגונג. די ערנסטע דראונג צו אונזער ראיאן'ס ערד און אויבערפלעכליכע וואסערן קען מען פארריכטן, אבער בלויז דורך מאכן אינוועסטירונגען אין די טעכנאלאגיע און אינפראסטרוקטור וואס מען דארף צו אויפהערן די ארויסלאזונג אין די סביבה. איך בין שטאלץ צו האבן געהאט די

איינמאליגע געלעגנהייט צו שטיצן לעגיסלאציע וואס אדרעסירט איינע פון לאנג אײלענד'ס גרעסטע פראבלעמען צו די סביבה, און איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר נאכאנאנדע שטיצע."

**אסעמבלימיטגליד פרעד וו. טיעל, דדש. האט געזאגט,** "סאפאלק קאונטי'ס אינווייראנמענט און עקאנאמיע זענען געשטערט געווארן פאר יארן דורך א נאכאנאנדע מאדע פון פארמינערטע וואסער קוואליטעט. איבער דרייסיג יאר צוריק, האט ניו יארק דורכגעפירט די נאציאנאלע באקאנטע צענטראלע פיינס בערען אפהיטונג אקט (Central Pine Barrens Preservation Act) וועלכע באשיצט מער ווי 100,000 אקער לאנד צו אפהיטן איר איינצעלע וואסער קוואל. פונדעסטוועגן, האט די פראבלעם פון איבעראנטוויקלונג אונז נאך אלץ געלאזט מיט ווייטערדיגע ריזיקעס צו אונזער וואסער רעסאורסעס. היינט, מיטן איינפירן דעם סאפאלק קאונטי וואסער קוואליטעט איבערמאכן אקט, טוען מיר פארשטערקערן אונזערע באמיאונגען צו אפהיטן וואסער קוואליטעט וואס האט זיך ערשט אנגעהויבן מיט די פיין בערענס אקט. די לעגיסלאציע וועט צושטעלן א נאכאנאנדע לאקאלע קוואל פון פינאנצירונג איבערצופרישן סעפטיק סיסטעמען און אפפאל באהאנדלונג פון מאנטאק ביז באבילאן. עס וועט צושטעלן סאפאלק מיט מער ווי $6 ביליאן אין לאקאלע געלטער צו נוצן סטעיט און פעדעראלע אינפראסטרוקטור געלט צו פארבעסערן אונזער וואסער. עס איז יעצט אין די הענט פון די וויילער. מיין דאנק צו גאווערנער האקול פאר איר פריע און כסדר'דיגע שטיצע פאר די לעגיסלאציע."

**סאפאלק קאונטי הויפט עד ראמעין האט געזאגט,** "מיר דאנקען דעם גאווערנער פאר איר נאכאנאנדע פארפליכטונג צו העלפן סאפאלק קאונטי פארזיכערן ריינע וואסער פאר צוקונפטיגע דורות. די היינטיגע אונטערשרייבן פונעם ביל איז א קלארע ביישפיל פון רעגירונג וואס ארבעט צוזאמען פאר די מענטשהייט, וועלכע וועלן יעצט האבן זייער געלעגנהייט צו שטימען פאר די וויכטיגע איניציאטיוו."

**טשערמאן פון די סאפאלק קאונטי אויפזעער פאראיין און אויפזעער פון די טאון פון באבילאן ריטש שאפער האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פירערשאפט אין זיך פאראייניגן מיט קאונטי הויפט ראמעין און די סאפאלק קאונטי לעגיסלאטור צו פארזיכערן אז עס וועט זיין א פינאנצירונג קוואל פאר די שטארק פארלאנגטע ריינע וואסער און אפפאל אינפראסטרוקטור פאר די נעקסטע 50 יאר איז ווערט צו באגריסן. איך מוטיג באבילאן טאון איינוואוינער צו שטיצן די רעפערענדאם אין נאוועמבער."

**סאפאלק קאונטי לעגיסלאטור מינאריטעט פירער דזשעיסאן ריטשבערג האט געזאגט,** "נאך פילע מאנאטן פון פארשפעטיגונגען, האבן מיר ענדליך דערגרייכט דעם פונקט וואו סאפאלק קאונטי וויילער וועלן האבן זייערע שטימעס געהערט איבער וואסער קוואליטעט. לאנג אײלענד האט זייער ליב ביטשעס און פארקס, און די פינאנצירונג וועט טוישן אונזער אפפאל וואסער אנפירונג אינפראסטרוקטור און אונז ערלויבן הנאה צו האבן פון זיי און פארזיכערן צוטריט פאר אלע צוקונפטיגע דורות. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול, סענעטאר מארטינעז, און אסעמבלי מיטגלידער טיעל און דזשין-פיער פאר זייער שטיצע און אדוואקאסי פאר אונזער ראיאן."

**די פירנדע באאמטער פון די סאפאלק קאונטי לעגיסלאטור קעווין מקקאפרי האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו זיין א טייל פון די היסטארישע לעגיסלאציע וועלכע וועט העלפן סאפאלק קאונטי באשיצן איר טרונקען און אויבערפלעכליכע וואסערן פאר צוקונפטיגע דורות. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט סטעיקהאלטער צו פארזיכערן אז די רעפערענדאם ווערט שטארק באשטעטיגט דורך די וויילער אין נאוועמבער."

**פרעזידענט פון די ניו יארק ליגיע פון קאנסערוועישאן וויילערס יולי טייה האט געזאגט,** "נאך יארן פון זיך ספראווען מיט ניטראדזשען-פארפעסטיגטע וואסער און מיט אזויפיל הייזער וועלכע דארפן א נייע סעפטיק סיסטעם אדער א טויש צו סיוערס, וועט די סאפאלק קאונטי וואסער קוואליטעט איבערמאכן אקט פארשטערקערן איינוואוינער צו גרונטליך אדרעסירן די פובליק געזונט קריזיס וואס פלאגט די

געמיינדעס. מיר באגריסן סענעטאר מארטינעז און אסעמבלימיטגליד טיעל פארן שטיצן די NYLCV סקאורבאורד ביל, ווי אויך סאפאלק קאונטי הויפט ראמעין און די קאונטי לעגיסלאטור פאר זייער שטיצע, און מיר באגריסן גאווערנער האקול פאר איר שטייפע פירערשאפט אויף די פראבלעם פון וואסער קוואליטעט אויף לאנג איילענד און לענגאויס די סטעיט."

**פרעזידענט פון די געביידע און בויעריי טרעידס קאונסיל פון נאסאו און סאפאלק קאונטיס מעטיו אראקיטש האט געזאגט,** "היינט זענען מיר שטאלץ צו שטיין צוזאמען מיטן גאווערנער האקול ווען זי שרייבט אונטער די סאפאלק קאונטי וואסער קוואליטעט איבערמאכן אקט פאר א געזעץ. דאס איז די איינצעלע וויכטיגסטע שטיקל פון סטעיט לעגיסלאציע געמאכט ספעציעל פאר לאנג איילענד אין מער ווי א האלבע יאר-הונדערט. די בויען פון סויער אינפראסטרוקטור וואס וועט ארויסקומען פון די געזעץ וועט נישט נאר שאפן טויזנטער דזשאבס, אבער עס וועט אויך פאראויס שטופן אונזער ראיאן צו די צוקונפט. די היסטארישע באמיאונג וואלט נישט געווען מעגליך אן די שווערע ארבעט פון די ביל שטיצער, סענעטאר מארטינעז און אסעמבלימאן טיעל, ווי אויך אונזער גאנצע פאראיין."

**זשאן ר. דארסאו, פרעזידענט פון די לאנג איילענד פעדעראציע פון לעיבאר, AFL-CIO און רייען סטענטאן, הויפט אנפירער פון די לאנג איילענד פעדעראציע פון לעיבאר, AFL-CIO האט געזאגט,** "מיר דאנקען גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די סאפאלק קאונטי וואסער קוואליטעט איבערמאכן אקט (SCWQRA). עס איז א וויכטיגע שריט צו פארבעסערן אונזער ראיאן'ס וואסער קוואליטעט. מיטן אונטערשרייבן די ביל, איז לאנג איילענד איין טריט נענטער צו פארזיכערן אז עס איז דא ריינע וואסער צו טרונקען און אויפהאלטן די מעגליכקייט פון אונזערע ברעגן בשעת'ן שאפן טויזענטער יוניאן דזשאבס מיט געהאלט וועלכע קען דעקן א פאמיליע אין די פראצעדור."

**הויפט דירעקטאר פון בירגער קאמפיין פאר די אינווייראנמענט אדריען עספאזיטא האט געזאגט,** "לאנג איילענד'ס זוכעריי פאר בעסערע אנפירונג פון אפפאל וואסער צו באשיצן אונזער טרונקען און ברעגעס וואסערן האט יעצט געגומען א ריזיגע שפרונג פאראויס. עס איז באמת פרייליך ווען מען קען זען די ווירקונגען ווען גוטע סייענס, גוטע פירערשאפט און גוטע רעגירונג קומען זיך צוזאמען צוצושטעלן די געברויך פון ריינע וואסער. פאר איבער צען יאר האבן אינווייראנמענטאלע און לעיבאר פירער אויסגעלערנט און געארבעט פאר א פארלעסליכע פינאנצירונג קוואל צו ערזעצן פארפעסטיגטע סעפטיק סיסטעמען און איבערפרישן און פארבעסערן סויער אינפראסטרוקטור. די היסטארישע לעגיסלאציע שאפט די וויכטיגע וועג וואס מען דארף פאר סאפאלק איינוואוינער צו שטימען אויף אונזער ריינע וואסער צוקונפט. מיר זענען זייער דאנקבאר פאר אסעמבלימאן פרעד טיעל, סענעטאר מאניקא מארטינעז און גאווערנער קעטי האקול פאר אלע זייערע באמיאונגען, שטיצע און ארבעט דאס צו מאכן אריינגיין אין קראפט."

**לאנג איילענד פאליסי ראטגעבער פאר די נאטור קאנסערוואציע אין ניו יארק קעווין מקדאנעלד האט געזאגט,** "די נאטור קאנסערוואציע באגריסט גאווערנער האקול פאר איר שנעלע באשטעטיגונג פון לעגיסלאציע וועלכע וועט ערמעגליכן סאפאלק קאונטי ווילער צו שאפן א ריינע וואסער צוקונפט. די סאפאלק קאונטי וואסער קוואליטעט איבערמאכן אקט וועט דראסטיש פארמינערן פארפעסטיגונג און צוריקשטעלן אונזערע ברעגעס און הארבערס דורך מאכן קריטישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען נישט בלויז מעגליך, אבער אפארדעבל פאר איינוואוינער און ביזנעסער. מיר דאנקען דעם גאווערנער פאר איר אינווייראנמענטאלע פירערשאפט און קוקן ארויס צו ארבעטן מיט סאפאלק קאונטי צוריקצוברענגען ריינע וואסער צו סאפאלק קאונטי."

**הויפט פירער פון די לאנג איילענד קאנטראקטארס' פאראיין מארק הערבסט האט געזאגט,** "לאנג איילענד'ס וואסער קוואליטעט פראבלעמען האבן זיך אנטוויקלט איבער די יארן, און עס וועט נעמען פיל יארן דאס איינגאנצן צו לעזן. גרינדן א פארפליכטעטע פינאנצירונג קוואל צו פארברייטערן סיוערס און

ערזעצן אלט מאדישע טעכנאלאגיע מיט ריינע וואסער סעפטיקס איז א קריטישע שריט צו פארערכטן די זארגנדע פראבלעם און איך באגריס די אסעמבלי, סענאט און גאווערנער האקול פאר זייער באשליסנדע שריט אין פאראויס רוקן די געדאנק צו פארזיכערן אז מיר קענען דאס ברענגען אויף די בעלאט נאוועמבער."

**פרעזידענט פון די סאפאלק קאונטי ווילעדזש באאמטער פאראיין דעניס סירי האט געזאגט,** "וואסער קוואליטעט איז זייער א קריטישע אנגעלעגנהייט אין לאנג איילענד, ספעציעל אין סאפאלק קאונטי. מיר זענען זייער צופרידן צו זען גאווערנער האקול ערנסט באהאנדלען דעם פראבלעם. מיר זענען דאנקבאר פאר איר זיין א טייל פון לאנג איילענד און אונטערשרייבן די וויכטיגע ביל."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן